**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/06/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט קאנסטרוקציע אונטערוועגס אויף 60 מיליאן דאלארדיגער האוזינג פראיעקט אין די בראנקס צו בויען 83 אפּאָרדעבעל און שטיצנדע אפארטמענטס פאר עלטערע מענטשן

***El Hogar Residence* וועט קומען מיט אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס, אומזיסטע אינטערנעט סערוויס, ענערגיע שפארזאמקייט מאסנאמען**

***ניו יארק סטעיט האט געבויט אדער פרעזערווירט נאענט צו 14,000 אפּאָרדעבעל היימער אין די בראנקס אין לויף פון די פארגאנגענע פינף יאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף El Hogar Residence, אן אפּאָרדעבעל אפארטמענט געביידע מיט 83 יוניטס אין די בראנקס. די 60 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט רעכנט אריין אפארטמענטס פאר הויזגעזינדער פון עלטערע מענטשן פון 55 יאר און עלטער מיט נידעריגערע איינקונפט און וואס פלעגן זיין היימלאז. אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) געבויט אדער פרעזערווירט נאענט צו 14,000 אפּאָרדעבעל היימער אין די בראנקס. El Hogar זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט בויען אדער פרעזערווירן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

"מיר טוהען פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט פאר ניו יארקער אין אלע שטאפלען פון לעבן, און El Hogar וועט אהערשטעלן מאדערנע און אפּאָרדעבעל אפארטמענטס אין די בראנקס כדי עלטערע איינוואוינער זאלן קענען וואוינען זיכערערהייט און מיט סטאביליטעט אין די קאמיוניטי וואס זיי וועהלן אויס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די דעוועלאפמענט ווייזט ארויס אונזער איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן אין האוזינג וואס פארשטערקערט אונזערע קאמיוניטיס און וואס מאכט יעדער ראיאן פון ניו יארק מער אפּאָרדעבעל און פאר א געזונטערע פלאץ צו וואוינען."

אלע פון די אפּאָרדעבעל אפארטמענטס אין El Hogar וועלן זיין גענוג ביליג פאר הויזגעזינדער פון עלטערע מענטשן וואס פארדינען ביז 40 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט. צוויי און דרייסיג פון די אפארטמענטס וועלן געהאלטן ווערן פאר עלטערע מענטשן פון 62 יאר און עלטער. פופציג פון די אפארטמענטס וועלן געהאלטן ווערן פאר געוועזענע היימלאזע עלטערע מענטשן פון 55 יאר און עלטער, וועלכע וועלן באקומען אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס צוגעשטעלט דורך Comunilife, אריינרעכענענדיג קעיס מענעדזשמענט סערוויסעס, פארוויילונג פראגראמען און געזונטהייט סערוויסעס. Comunilife איז אויך די דעוועלאפער פון די אפארטמענטס.

די דעוועלאָפּמענט וועט אויך אריינרעכענען עטליכע פולשטענדיג-צוגענגליכע יוניטס וואס וועלן זיין צוגעפּאסט פאר עלטערע מענטשן מיט באגרעניצטע באוועגונג, און אזוי אויך יוניטס וואס וועלן זיין אויסגעריכטעט פאר עלטערע מענטשן מיט שוועריגקייטן צו הערן און/אדער זעהן. די געביידע וועט האבן א קאמיוניטי צימער מיט א קיך, א קאמפּיוטער צימער און א גרינע שטח אין די הונטערשטע הויף, און אלע איינוואוינער וועלן געגעבן ווערן אומזיסטע אינטערנעט סערוויס.

El Hogar וועט האבן ענווייראמענט-פריינטליכע און ענערגיע-שפּארזאמע איינריכטונגען ווי פולשטענדיג-עלעקטרישע הייצונג, קילונג און הייסע וואסער. די אפּלייענסעס און באלייכטונג וועלן נאכקומען אדער זאגאר איבערשטייגן די סטאנדארטן צו באקומען Energy Star און Enterprise Green Communities סערטיפיקאציעס.

El Hogar Residence ווערט געשטיצט דורך די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל'ס ניין פּראצענטיגע נידעריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט פּראגראם וואס איז פּאראויס געשאצט צו אויפטרייבן אומגעפער 19.5 מיליאן דאלאר אין עקוויטי, און אזוי אויך א 10.4 מיליאן דאלארדיגע הלוואה פון די אגענטור'ס נידעריגע-איינקונפט האוזינג טראָסט פאָנד און א 1.3 מיליאן דאלארדיגע הלוואה פון איר פעדעראלע האוזינג טראָסט פאָנד פּראגראם.

די ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון האוזינג אויפהאלטונג און דעוועלאָפּמענט ( Department of Housing Preservation and Development, HPD) וועט צושטעלן 11.5 מיליאן דאלאר פון איר רענט הילף פּראגראם פאר עלטערע מענטשן (Senior Affordable Rental Apartments Program). די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) וועט צושטעלן א 5.9 מיליאן דאלארדיגע הלוואה פון איר דעם היימלאזע האוזינג און הילף קערפּערשאפט (Homeless Housing Assistance Corporation). די פינאנצירונג פאר אנגייענדע אפּעראציעס פון די 50 שטיצנדע יוניטס ווערט צוגעשטעלט דורך די עמפּייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative), און די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל וועט צושטעלן פּראיעקט-באזירטע רענט הילף פאר 32 יוניטס. דער פּראיעקט האט אויך באקומען אן אינפראסטרוקטורישע גרענט אין סומע פון $700,000 פון געלטער אויף וועלכע בראנקס בארא פּרעזידענט וואנעסא גיבסאן און ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד אָסוואלד פעליז האבן שיקול הדעת וויאזוי צו פארטיילן.

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווערנער האקול איז אנטשלאסן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפּמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפּסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאָפּמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. אין צוגאב, אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער אנאנסירט א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פּלאן צו אויפבויען אדער פּרעזערווירן 100,000 אפּאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט. מער פון 40,000 היימער זענען שוין געבויט אדער פּרעזערווירט געווארן ביז היינט.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר ניו יארקער פון יעדע עלטער צו האבן א מאדערנע, אפּאָרדעבעל פּלאץ וואו צו וואוינען, און

דער 60 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט וועט האבן א דירעקטע בענעפיט פאר 80 הויזגעזינדער פון עלטערע מענטשן. אונזער אנגייענדע ארבעט אין די בראנקס איז קריטיש צו אדרעסירן די האוזינג קריזיס אין די באראו בשעת'ן אויך זיכער מאכן אז מיר גיבן פאר אונזערע שוואכערע עלטערע מענטשן די אויפן-ארטיגע סאָושעל סערוויסעס כדי זיי זאלן קענען היטן אויף זייער אומאפהענגיקייט און קענען לעבן באקוועמערהייט אריין אין צוקונפט. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פארפליכטונג צו די וויכטיגע ארבעט אין יעדן ראיאן פון די סטעיט."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "דער היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם'ס אינוועסטירונג אין El Hogar Residence אין די בראנקס וועט גיבן פאר געוועזענע היימלאזע עלטערע מענטשן די גאר-נויטיגע סטאבילע, אפאָרדעבעל האוזינג מיט גרינגע צוטריט צו די וועזנטליכע שטיצע סערוויסעס וואס זיי דארפן צו קענען לעבן זיכערע און סיפוק'דיגע לעבנס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו אויסברייטערן די סופליי פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג אריבער ניו יארק סטעיט און פארן זיין אן אומערמידליכע שתדלן'טע פאר ניו יארקער וועלכע זענען אריבער היימלאזיגקייט."

**סטעיט סענאטאר גוסטאוואָ ריווערא האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר אז El Hogar Residence ווערט געבויט אין מיין דיסטריקט פאר אונזערע עלטערע שכנים אין די נידעריגסטע איינקונפט שיכטן וועלכע מוטשענען זיך צו טרעפן אפאָרדעבעל האוזינג. די דעוועלאפמענט וועט אפפערן סערוויסעס, צוגעשטעלט דורך Comunilife, פאר די וואס זענען אין נויט, פארזיכערנדיג זייער לאנג-טערמיניגע סטאביליטעט, און עס איז א מוסטער פאר ענווייראמענט-פריינטליכע קאנסטרוקציע זייענדיג א פולשטענדיג-עלעקטרישע געביידע. איך גראטוליר די האקול אדמיניסטראציע, Comunilife און זייערע שותפים פארן אינוועסטירן אין אמת'ע אפארדעביליטי אין די בראנקס און פארן העלפן טייל פון די שוואכסטע ניו יארקער בליהען."

**אסעמבלי מיטגלידערין יודעלקא טאפיא, האט געזאגט,** "די קאנסטרוקציע פון El Hogar איז א געוואלדיגע דערגרייכונג ביים ברענגען גאר-נויטיגע אפאָרדעבעל האוזינג פאר עלטערע מענטשן אין די בראנקס. מיט א פער-מענטש איינקונפט פון בלויז 18,802$ און 96 פראצענט פון מיין דיסטריקט'ס איינוואוינער זייענדיג טענאנטס, איז די נויט פאר בכבוד'דיגע, אפאָרדעבעל האוזינג קיינמאל נישט געווען גרעסער. איניס פון מיין אפיס'ס גרעסטע זארגן איז דאס פרובירן צו טרעפן אפאָרדעבעל האוזינג אפציעס פאר אונזערע עלטערע מענטשן ווייל עס איז וועזנטליך אז אונזערע עלטערע מענטשן, וועלכע האבן אזויפיל בייגעשטייערט צו אונזער עקאנאמיע און קאמיוניטי, זאלן קענען רעטייערן בכבוד. El Hogar טוט נישט נאר אדרעסירן די דרינגנדע נויט, נאר עס מאכט אויך זיכער אז 50 פון די 83 יוניטס וועלן צושטעלן שטיצע סערוויסעס פאר די וואס נויטיגן זיך אין זיי דאס מערסטע. די דעוועלאפמענט זאגט עדות איבער אונזער איבערגעגעבנקייט צו שטיצן אונזערע שוואכסטע איינוואוינער און בויען א שטערקערע מער אריינגעמיגע בראנקס. איך וויל אויסדרוקן מיין טיפע דאנק פאר די האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל פאר זייער אנטשיידענע שטיצע און איבערגעגעבנקייט צו מאכן דעם פראיעקט פאר א רעאליטעט."

**בראנקס באראו פרעזידענט וואנעסא גיבסאן האט געזאגט,** "היינט פייערן מיר א באדייטנדע דערגרייכונג פאר אונזער קאמיוניטי. די נייע געביידע פון 83 יוניטס פאר אונזערע עלטערע מענטשן צייכנט אפ א וויכטיגע טריט אויף פאראויס ביים אדרעסירן די האוזינג קריזיס אין אונזער באראו. מיט 50 פון די יוניטס אוועקגעלייגט פאר די וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצע סערוויסעס, טוהען מיר נישט נאר צושטעלן אפאָרדעבעל און זיכערע האוזינג, נאר מיר מאכן אויך זיכער אז אונזערע איינוואוינער באקומען די ארומנעמיגע קעיר וואס קומט זיך זיי. איך וויל באדאנקען די NYS האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל און Comunilife פאר זייער שותפות ביים מאכן דעם פראיעקט פאר א רעאליטעט. צוזאמען בויען מיר אויף א לעכטיגערע צוקונפט און א מער אריינגעמיגע קאמיוניטי פאר יעדן."

**ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון האוזינג אויפהאלטונג און דעוועלאפּמענט קאמישאנער, אדאָלפאָו קעריאַן, דזשוניאר, האט געזאגט,** "די HPD איז גאר שטאלץ צו זיין טייל פון די שטארקע שותפות צו בויען El Hogar Residence. די 83 אפּאַרדעבעל האוזינג יוניטס פאר עלטערע ניו יארקער אין די בראנקס וועט האבן א לאנג-בלייבנדע השפעה אויף די ארומיגע קאמיוניטיס. מיט אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס און אומזיסט אינטערנעט סערוויס פאר טענאנטס, איז דער פראיעקט נאך א ביישפיל פון וואס עס איז מעגליך דורכן גיבן א נייע צוועק פאר אן אלטע פארקינג לאט צו ווערן לעבנס-טוישנדע היימער פאר א קאמיוניטי וואס איז אין דרינגנדע נויט פון אפּאַרדעבעל האוזינג."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד אָסוואלד פעליז האט געזאגט,** "איך באדאנק אלע אונזערע שותפים סיי אין די סיטי און סיי אין די סטעיט רעגירונג, וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען צו מאכן דעם האוזינג פראיעקט פאר א מציאות. Comunilife טוט ווידעראמאל ארויסווייזן אירע ערפינדערישע שיטות צו צוגיין צו האוזינג פאר ספּעציעלע געברויכן און שטיצנדע סערוויסעס, אריינגעבויט אונטער איין דאך. די נייע דעוועלאפּמענט וועט פיל צולייגן צו Comunilife'ס באאיינדרוקספולע ליסטע פון איינריכטונגען און פראגראמען וואס האבן א מאכטפולע השפעה אויף מענטשן'ס לעבנס."

**Comunilife פרעזידענט און CEO, בלאנקא ראמירעז, האט געזאגט,** "די El Hogar Residence זעצט פאר Comunilife'ס איבער דרייסיג-יעריגע היסטאריע פונעם פארבעסערן די לעבנס פון וואקלדיגע ניו יארקער דורכן זיי גיבן האוזינג סטאביליטעט מיט די אויפן-ארטיגע געזעלשאפטליכע, געזונטהייט און עדזשוקעישען סערוויסעס וואס וועלן ערמעגליכן עלטערע מענטשן צו בלייבן אקטיווע מיטגלידער פון זייער קאמיוניטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן